# כלל־ביבליאטעק

י. אַדורען

# דער שלעזישער גר־צדק

12

כּלל-פארלאג

כלל־ביבליאָטעק

י. אַדורען

# דער שלעזישער גר־צדק
# יוסף בר׳ אברהם

(יאָזעף סטעבליצקי)

כלל־פאַרלאַג
בערלין 1922 - תרפ״ב

Klal-Verlag / Berlin SW 68 / Verlängerte Charlottenstr. 1b

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922

Juudi usu kogudusse Tartus * Tartus *
הנהגת עדת ישראל

## דאָס פאַרפירן אַ פּראָצעס

אין אָקטאָבער דאָס יאָר 1785 האָט די אויבער־אַמטס־רעגירונג אין בריג איבערגעגעבן דעם יוסטיץ־קאָמיסיאַראַט קאָסמעלי אין פּלעס אויסצופאָרשן אַ מעשה וועגן איינעם יאָזעף סטעבליצקי.

אויף דעם דאָזיגן סטעבליצקי, ראָטמאַן אין ניקאָלאַאי אין אויבערשלעזיע, איז געווען אַ גענוגנדער חשד, אַז ער האָט איבערגעטרעטן פון קאַטוילישן גלויבן צום יידנטום.

דעם אויספאָרשריכטער איז אָנגעוויזן געוואָרן, ער זאָל דאָס טון באַלד און אין אַלגעמיינע שטריכן: מ'איז אויסן געווען צו מאַכן אַ רעלאַציע קיין בערלין און אונטערטעניג דערלאַנגען אַזאַ אומגעוויינטליכן פאַל אויפן אַלערהעכסטן באַראָט. לויט דעם יאָזעפינישן קרימינעל־פּראָצעס, וואָס איז דאַמאָלס געווען גילטיג אין שלעזיע, כאָטש ס'האָט געהערט צו פּרייסן, איז פאַר אַזאַ באַוויזענער כפירה געקומען לעבן־און־לייבשטראָף; די ריכטער האָבן זיך דאָ פאַרלאָרן, וואָרום אַזאַ שטראָף האָט גאָר ניט געפּאַסט צו דעם אַלגעמיינעם אויפ־

קלערונגסנייסט, וואָס האָט געהערשט יענע צייט. מ'האָט דאָ ראַריבער געוואָלט האָבן אַ קאַבינעט־יוסטיץ, איינעם פון די באַרימטע פּסקים פון פרידריך דעם גרויסן, וואָס האָבן זיך ניט גערעכנט מיטן פּאַרמעלן רעכט.

# די עדות

ערות האָט מען אין דעם פאַל גענומען בלויז די נויטיגסטע, דאָס זיינען געווען: דעם אָנגעקלאָגטנס פרוי און זון, שמשון, דער סינאַגאָגע־איינגטימער, און די מאַגיסטראַט־קאָלעגיע פון ניקאָלאַאי.

מ אַ ר י אַ נ ע, די פרוי פונם כפירה־חשורן מאַן, גע־בוירן שטייער, געהערט צום קאַטוילישן גלויבן, לעבט מיטן אָנגעקלאָגטן שוין דרייסיג יאָר און האָט געהאַט מיט אים פיר קינדער, ווייסט ניט באַשטימט, צי איר מאַן איז געוואָרן אַ ייד, זי דרינגט דאָס אָבער דערפון, וואָס זייט דעם מיכאַילע־פּייערטאָג געניסט ער באַ איר גאָרניט פון די צוגעגרייטע שפּייזן, חוץ מילך און קאַווע, און גייט אַלע טאָג עסן צו דעם רב סאַלאָמאָנס אלמנה ראָ הי. „די באָרד“, זאָגט זי, „ראַזירט ער ניט, נאָר ער שערט זי מיט אַ שער“. שבת ריכט ער אָפּ געוויינטליך מיט יידן אין שול, אין דערפריה דאַוונט ער אין דערהיים מיט אַ צוגערעקטן קאָפּ און מיט רימען (תפילין), ער זאָגט תהלים און לאָזט דעמאָלט קיינעם אין שטוב ניט אַריין. אָפּט גייט ער אַוועק אין דערפריה אויך; איך ווייס אָבער ניט, צי גייט ער צו אַנדערע יידן צום מאָרגנ־

געבעט. אַ שטיק צייט, שוין אַ פּאָר יאָר פֿאַר דעם מיכאַילע־פּייערטאָג, אַז ער האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון מיר און רירט מיך ניט אָן. פֿון דעם דערמאָנטן פּייער־טאָג אָן האָט ער דערהויפּט אויפֿגעהערט בּאַ מיר צו עסן. פֿריהער, ווען ער פּלעגט נאָך עסן צוזאַמען מיט מיר און מיט מיין זון, פּלעגט ער אויך אָפּריכטן זיין מאָרגנגעבּעט, ווי איך האָבּ שוין דערציילט, נאָר אָהן רימען (תּפילין). צי האָט ער זיך בּאַשניטן (מל געווען) און וואו איז דאָס געשען, ווי אויך צי האָט אים עמיצער פֿון יידן אָנגערעדט דערצו — דאָס ווייס איך ניט. איך קאָן נאָר זאָגן, אַז אַ קורצע צייט פֿאַר דעם דער־מאָנטן פּייערטאָג איז ער ניט געבּליבּן, נישט געזאָגט מיר, וואוהין ער פֿאָרט. דריי טאָג איז ער ניט געווען הי; נאָכדעם, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָבּ איך אים אַפֿילו געפֿרעגט, וואו איז ער געווען, ער האָט אָבּער גאָרנישט געענטפֿערט. צוויי טאָג נאָך דעם איז ער קראַנק געוואָרן, האָט זיך געקלאָגט אויפֿן קאָפּ און אויף דער בּרוסט. אין פֿינף טאָג אַרום איז אים בּעסער געוואָרן, און וויל ער האָט אָפּגעריכט דאָס מיכאַילע־פּעסט (יום־כּפּור) מיט די היגע יידן אין שול, און די בּירגער אייזענאַקער און קאָזאַק האָבּן אים דאָ בּאַמערקט אין אַ קיטל, האָט דער עולם אים בּאַלד אָנגעהויבּן צו האַלטן פֿאַר אַ יידן. ער איז שוין פֿון לאַנג אָן געווען שטאַרק פֿאַרטון אין דער בּיבּל, און ער האָט איינִיגע מאָל געזאָגט, אַז בּאַשניידן זיך איז זעהר וויכטיג פֿאַר אויסלייזן די זעעל. פֿינגסטן דאָס יאָר איז ער, ווי מיר שיינט, דאָס לעצטע מאָל געווען אין קירך.

איך ווייס אָבער ניט, אויב ער איז ראָס לעצטע מאָל געווען באַ דער ורוי, און ווען. זיין ליבסטע זאַך איז צו לייענען די הייליגע שריפט און גראָד דעם אַלטן טעסטאַמענט (תנ״ך). אויף זיין פאַרהאַלטן זיך צו מיר די גאַנצע צייט פון דער חתונה אָן קאָן איך זיך ניט קלאָגן. ער איז געווען אַן אָרנטליכער ווירט, זעהר ווייט פון טרינקען. איך מיין, אַז צו רעליגיעזע ספקות און צום אָפּפאַל פון קאַטויליש האָט אים געבראַכט זיין פלייסיג ביבללייענען און זיין מעלאַנכאָלישער טעמפּעראַמענט, וואָס דערצו האָט אים געצויגן שוין פון לאַנג. אַזוי ווי איך און מיין מאַן זיינען שוין אַלט, וויל איך זיך פון אים ניט שיידן, וואָרום די רייץ פון יוגנט און פון דער חתונה־ליבע זיינען שוין פאַרביי, און איך וויל ניט מער ווי צו פאַרברייגגען ראָס, וואָס איז מיר געבליבן צו לעבן, מיט אָפּהיטן מיין באַטאָגטן מאַן, כדי יענעם גרויסן טאָג זאָל מען מיר ניט אויסוואַרפן באַם געטליכן ריכטער, אַז איך האָב פאַרנאַכלעסיגט מיין פרויען־פליכט קעגן מיין מאַן. מער איז מיר פון די אומשטאַנדן מיט מיין מאַן נישט באַקאַנט, וואָרום ער האָט מיר דערפון אַזוי ווייניג אַנטפּלעקט, פונקט ווי פון זיין באַשניידן זיך״.

סטעבליצקי רער זון, 28 יאָר אַלט, קאַטויליש, אַ בחור, באַשטעטיגט זיין מוטערס רייד: ביבל לייענען, מאָרגנגעבעט מיט תפילין און מיט אַ צוגערעקטן קאָפּ, קעסט באַ דער ראַבינערן סאַלאָמאָן. „וואָס באַלאַנגט די הויפּטזאַך, איז קאָן איך נאָר זאָגן, אַז מיין פאָטער האָט ראָס שוין לאַנג געצויגן צו מעלאַנכאָליע, ער האָט

זיך פלייסיג אָפּגעגעבן מיט ביבל לייענען, דערהויפּט מיטן אַלטן טעסטאַמענט, ער האָט געצווייפלט אין קריסטוס קומען אויפן גרונד פון די נביאים און תהלים, ער איז אַ סך מאָל באַשטאַנען, אַז יידישקייט איז בעסער פאַר דער קריסטליכער רעליגיע, און נעמליך נאָך דערפאַר, וואָס די נביאות פונם אַלטן טעסטאַמענט און פון די נביאים זיינען נאָך ניט מקוים געוואָרן. אַזויווי איך האָב זיך אויפגעהאַלטן ניט הי, קאָן איך ניט באַשטימען, ווען האָט מיין פאָטער אויפגעהערט צו גיין אין קירך און צו ודוי. זינט איך בין דאָ, מיין איך, אַז ער איז אַקעגן פינגסטן געווען דאָס לעצטע מאָל אין דער קירך. דערהויפּט זינט דעם יידישן מיכאַילע־פעסט (יום־כפּור) ריכט ער אָפּ זיין מאָרגנגעבעט מיט אַ צוגערעקטן קאָפּ און מיט רימען, עסט נישט, ניט מיט מיר, ניט מיט מיין מוטער, נאָר בלויז באַ דער ראַבינערן סאַלאָמאָן. צי ריכט ער אָפּ שבת באַ יידן, דאָס קאָן איך אויף געוויס ניט זאָגן. אָבער מיגליך, אַז אַזוי איז דאָס, ווייל שבת איז ער זעלטן אין דער־היים, און דעם טאָג טוט ער קיין אַרבעט ניט. מיכאַילע־פעסט האָבן אים אייניגע בירגער געזעהן דאַוונענדיג: אין דער סינאַגאָגע אין אַ קיטל און באַלד נאָך דעם האָבן זיך געלאָזט הערן קלאַנגען, אַז ער האָט זיך באַשניטן און איז געוואָרן אַ ייד. דאָס אָרט, וואו ער האָט די ראָזינגע אָפּעראַציע געמאַכט, און ווער איז אים דערביי באַהילפיג געווען, איז מיר ניט באַקאַנט. וואָרום ווען ער איז אַוועק פון דערהיים אָהן מיין מוטערס וויסן, בין איך געווען אין ריבניק, און אַז איך בין צוריקגעקומען,

האָב איך אים געטראָפן קרײַנקליך; ער האָט אָבער ניט געזאָגט, וואָס איז אים. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז זײַן קראַנקהייט נעמט זיך דערפון, וואָס ער האָט זיך מל געווען. איך קאָן אויך ניט זאָגן, אַז מײַן פאָטער זאָל האָבן געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ ייד. אָבער זײַן גאַנץ באַנעמען באַווייזט גאַנץ דײַטליך, אַז ער איז אָפּגעפאַלן צום יידנטום. איך האָף אָבער, אַז דאָס דאַרף ניט ברענגען קיין שאָדן ניט מיר, ניט מײַן מוטער, און גלויב, אַז אויף מיר וועלן ניט אַרויפגעלעגט ווערן די פּראָצעס־קאָסטן. איבעריגנס האָב איך זיך אויף מײַן פאָטער גאָרניט צו באַקלאָגן, און איך וויל, אַז מ׳זאָל זיך פאַרהאַלטן צו זײַן באַגאַנגענעם פעלער מיט גנאָד און מיטלייד. מער ווייס איך פון מײַן פאָטערס פאַר־ברעך נישט צו זאָגן".

אברהם סאַמסאָן, דער אייגנטימער פון דער סינאַ־גאָגע, זאָגט עדות, אַז „יאָזעף סטעבליצקי, איצט אברהם, האָט שוין לאַנג געוויזן אַ נײַגונג צום יידנטום און פלעגט זיך צײַט אויף צײַט ווײַזן שבת אין דער סינאַגאָגע מיט אַ בוך, וואָס אויף איין זײַט האָט דאָס געהאַט אַ העב־רעאישן טעקסט פון תהלים און אויף דער צווייטער אַ לאַטײַ־נישן. יום־כפור איז ער געקומען אין דער סינאַגאָגע אין אַ קיטל, וואו די בירגער האָבן אים באַמערקט דעם צווייטן טאָג. אַזוי־ווי ער האָט זיך אַליין געריטמט, אַז ער האָט זיך מל געווען און באַם אַרײַנגיין אין דער סינאַגאָגע האָט ער געוויזן דעם קיטל —, האָט מען אים אַרײַנ־געלאָזט. אָבער מ׳האָט דערבײַ ניט געמאַכט קיינע צערעמאָניעס. לויט ווי איך ווייס, האָט אים קיינער פון

אונזערע יידן ניט איבערגערערט צום יירנטום, אָבער זיין באַגייסטערונג פאַר דער יידישער רעליגיע איז זעהר גרויס, און ער וויל דערפון ניט אָפּטרעטן. איך מיין אָבער, אַז דאָ געפינט זיך ניט קיינער, וואָס זאָל באַשניידן אַ דערוואַקסענעם מענשן; און נאָר אין אַמסטערדאַם זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס פאַרשטייען רעכט אַזאַ זאַך. ס'איז אויך פאַלש, אַז ווען איינער ווערט אַ ייד, מוז ער לעסטערן קריסטוסן".

דער מאַגיסטראַט, וואָס דער באַשולדיגטער געהערט צו אים פון לאַנג אָן, באַשטעטיגט אויך איינשטימיג מיט אַן אַמט־שבועה, אַז „סטעבליצקי האָט שטענדיג געפירט אַ רוהיג פרידליך און ערליך לעבן. ער האָט זיך אויך פאַרהאַלטן גוט און ערליך קעגן אַנדערע. אין זיין אַמט אַלס ראָטמאַן האָט ער זיך געפירט געטריי און פינקטליך און האָט די אָנפאַרטרויטע קעמערייקאַסע געפירט מיט דער בעסטער געטריישאַפט".

דער קרייזראָקטאָר אַטעסטירט דעם אָנגעקלאָגטן, אַז „ער זעהט גאָר אויס ווי אַ מעלאַנכאָליקער, ניט אומזיסט זעהט ער אויס מאָגער, טרוקן, בלאַס און כמעט געלבליך". געוויסע רעפעקטן איז אויך צו זעהן אין זיין קאָפּשאַרבן: „דער גאַנצער ביין occipitis, דערהויפּט protuberantia שפּאַרן שטאַרק אַרויס און ביידע ביינער bregmatis זיינען באַ דער פאַראייניגונג שטאַרק פאַרטיפט און זעהן אויס, ווי איינגעפּרעסט".

# דער אַנגעקלאָגטער

איך הייס יאָזעף סטעבליצקי נאָך מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ פליישער דאָ אין ניקאָלאַאי. ביז עלף יאָר בין איך געווען באַ מיינע עלטערן, דערנאָך האָב איך שטודירט צוויי יאָר אין טראָפּאַאו אין יעזואיטישן סעמינאַר, צוויי יאָר אין טאַרנאָוויץ און צוויי יאָר אין טעשען אויך. נאָך דעם, ווי איך האָב געענדיגט רעטאָריק אין זעקסטן קלאַס, בין איך געקומען צוריק צו מיינע עלטערן, האָב גע־לערנט די פּראָפעסיע פון אַ פליישהעקער. צו 32 יאָר האָב איך חתונה געהאַט מיט מיין פרוי, וואָס לעבט נאָך איצט. מיט איר האָב איך געהאַט פיר קינדער, אָבער לעבן געבליבן זיינען נאָר צוויי, אַ זון יאָהאַן אַנטאָן סטעבליצקי און אַ טאָכטער אַנאַ, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר כיטרעאוסן אין ריבניק. דעם זון האָב איך אָנהויב היי־יאָר איבערגעגעבן מיין ערד־ווירטשאַפט פאַר אַ פאַרגיטיגונג. חוץ דעם, האָב איך ניט קיין שום פאַרמעגן. איצט בין איך אַלט 60 יאָר.

וועגן דער הויפּטזאַך זעלבסט איז גאָט מיין עדות, איך וועל זאָגן דעם אמת. שוין אַריבער צוואַנציג יאָר, אַז ס׳ציהט מיך שטאַרק צום יידנטום, און לסוף איז

באַ מיר געבליבן זיך באַשניידן און דערמיט ווערן אַן אמתער ייד. שוין פינף אָדער זעקס יאָר בין איך ניט געווען באַ דער ורוי, וואָרום נאָך פאַר מיין באַשניידן זיך פלעג איך אָפּריכטן שבת מיט יידן און פלעג זיך שטילערהייט קויפן שפּייז, כּדי צו עסן, וואָס יידן עסן. אַזוויווי די היגע גייסטליכע האָבן דאָס געוואוסט, האָבן זיי מיך ניט געוואָלט צולאָזן צו דער ורוי, דאַריבער בין איך געבליבן ווייט דערפון פינף אָדער זעקס יאָר. דערווייל פלעג איך נאָך גיין אין קירך, און ערשט פון יאַקאָבי־פּייערטאָג היי־יאָר האָב איך זיך אינגאַנצן אָפּ־געטיילט, וואָרום ס'איז באַ מיר געבליבן פעסט זיך באַשניידן און דערמיט ווערן אַן אמתער ייד. צייט אויף צייט האָב איך פאַרשיידענע יידן געזאָגט, אַז איך וויל זיך באַשניידן, אָבער אַזוויווי איך האָב דאָס דאָ ניט געקאָנט אויספירן, בין איך געפאָרן קיין פּוילן, פריהער קיין אָסוועטשין און דערנאָך קיין קראָקע. אין קראָקע האָב איך זיך געווענדט צו איינינגע יידן, און זיי האָבן מיר געזאָגט ,אַז זיי אַליין קאָנען דאָס ניט טון, אָבער זיי וועלן מיר צושיקן אַ יידן קיין ניקאָלאַאי אויסצופירן די דאָזיגע אָפּעראַציע. דאָס הויז, וואָס איך האָב זיך דאָרט געזעהן מיט יידן, איז אין יידנקוואַרטאַל אין קראָקע, איך וואָלט דאָס אָבער ניט געקאָנט אָנווייזן, ווייל יענעס הויז איז דאָרט באַזעצט מיט יידן. אין קראָקע בין איך געווען ווינטער; דער פרעמדער ייד איז גע־קומען צו מיר ענדע אַווגוסט דאָס יאָר און האָט מיר געזאָגט, אַז קראָקעווער יידן האָבן אים געשיקט צו מיר אויסצופירן דאָס באַשניידן. ער אַליין האָט דאָס

אָבער ניט געוואָלט טון, נאָר ער האָט מיר געוויזן, ווי אַזוי איך זאָל דאָס מאַכן. איך האָב געקריגן פון אים אַ קורץ מעסער און האָב זיך באַשניטן פאַר זיינע אויגן. ער האָט מיר געגעבן אַ נאָמען יוסף אברהם. באַלד נאָך דער אָפּעראַציע האָט דער ייד צוגענומען באַ מיר צוריק דאָס מעסער, ער האָט געקריגן באַ מיר פאַר זיין מיה צוויי רוקאַטן און איז באַלד צוריקגעפאָרן, ניט פאַרהאַלטן זיך אין ערגיץ. דעם יידנס נאָמען קאָן איך ניט אָנרופן, וואָרום איך האָב אים ניט געקענט, ער אַליין האָט מיר אויך ניט געזאָגט זיין נאָמען, ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז אים האָבן געשיקט קראָ־קעווער יידן אויסצופירן באַ מיר די אָפּעראַציע.

נאָך דער באַשניידונג בין איך געווען קראַנק און שוואַך. יידן האָבן מיר אָנגעוויזן פאַרפוילט האָלץ, און אויף זייער עצה האָב איך דערמיט באַשיט די וואונד, האָב זי באַגאָסן מיט וואַרעמען וויין און האָב זיך געלעגט צו בעט. אין צוויי וואָכן בין איך געקומען צו זיך, און יום־כּפּור, דעם 14 סעפּטעמבער, בין איך געגאַנגען אין דער סינאַגאָגע צו די היגע יידן מיט אַ קיטל, וואָס אַן אָרימער ייד האָט באַ מיר פאַרזעצט פאַר עטליכע יאָרן, און האָב דאָרט אָפּגעריכט מיין תּשובה אויפן יידישן שטייגער; דערביי האָבן מיך געזעהן איינינע בירגער. קיין ייד דאָ האָט מיך ניט איבער־געדעדט אָפּצופאַלן פון קריסטנטום, נאָר ווייל איך פלעג שוין פריהער, פאַר מיין באַשניידונג, אָפּריכטן שבּת אַליין פאַר זיך, און יידן האָבן דערפון געוואוסט, דעריבער האָבן זיי מיך יום־כּפּור אַריינגעלאָזט אין דער

סינאַגאָגע, וואָס האָט געהערט צו אברהם שמשון, איצט צו זיין זון, ווען איך בין געקומען אַהין און האָב זיי געפרעגט, צי זיי וועלן מיך ניט אַרויסוואַרפן. איבער־ריגנס האָבן יירן ניט געמאַכט מיט מיר קיינע צערע־מאָניעס באַם אַריינגעמען מיך. אויפן צווייטן טאָג זיינען די בירגער געקומען אין דער סינאַגאָגע, האָבן מיך אָנגעקוקט און זיי זיינען אַרויס. דעם ערשטן טאָג בין איך דאָ אויך געווען באַ גאָט בעטן, און איבערהויפט האָב איך דעם פייערטאָג אָפגעריכט גלייך מיט אַלע יירן. פון יענער צייט אָן האַלט איך זיך פאַר אַן אמתן יירן און גיי צום גאָטעסדינסט. איך בין געקומען דערצו ניט איבער עמיצנס שולד, קיינער האָט מיך ניט איבער־גערערט, ניט פאַרנאַרט, נאָר איך אַליין האָב דאָס אויסגעקליבן מיטן גוטן ווילן, וויל דערביי וויטער בלייבן, לעבן און שטאַרבן באַ דעם ראָזינגן גלויבן.

איך בין איבערצייגט, און גראָר פון דער הייליגער שריפט פונם אַלטן טעסטאַמענט, אַז מ׳מעג זיך אַליין באַשניירן און מ׳בלייבט דערביי אַ רעכטער ייר, וואָרום אונזער פאָטער אברהם האָט זיך אויך אַליין באַשניטן. איך באַשטיי נאָך אַמאָל דאַרויף, וואָס איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, אַז איך האָב זיך אַליין באַשניטן, קיין אַנדערער האָט דאָס מיר ניט געטאָן. איך לייקן אויך ניט, אַז די באָרד פלעג איך ניט ראַזירן פריהער אויך, נאָך פאַר דער באַשניירונג, נאָר איך פלעג זי שערן מיט אַ שער, ווי יירן מעגן דאָס טון. ס׳איז אויך ריכטיג, אַז שוין אַ פאָר יאָר האָב איך זיך אָפגעשיירט פון מיין פרוי, וויל ערשטנס זיינען מיר ביידע אַלט;

דערצו נאָך בין איך אַ ייד, וואָס טאָר זיך ניט מישן מיט קיין קריסטן.

די אמתע גרינדן, פאַרוואָס איך בין געוואָרן אַ ייד, האָב איך גענומען פון דער הייליגער שריפט. וואָרום גאָט בלייבט איינער, און אויך זיינע געזעצן, וואָס ער האָט איינמאָל געגעבן, און דאָס גלויבן, וואָס ער האָט באַפוילן זיין געליבט פאָלק ישראל. אין דער אַפּאָסטאָל־געשיכטע פונם נייעם טעסטאַמענט, קאַפּ. 15, געפינען מיר אויך, אַז קיינער קאָן ניט רעטן זיין זעעל, ווען ער זאָל זיך ניט באַשניידן, אַזוי ווי ס׳שטייט אויסדריקליך אין דעם ערשטן בוך פונם חומש, קאַפּ. 17, פערז 13: „מיין בונד זאָל זיין אין אייער פלייש צום אייביגן בונד“. פונם נביא ישעיהו, קאַפּ. 24, פערז 5, ווי אויך פונם נביא מלאכי, קאַפּ. 4, איז קלאָר צו זעהן, אַז די, וואָס וועלן אַוועקגיין פונם אייביגן בונד און ענדערן זיינע געבאָטן, וועלן יענעם טאָג ברענען אַזוי ווי אין אַן אויוון. קריסטוס אַליין האָט זיך אויך געלאָזט באַשניידן און געזאָגט אויסדריקליך אין זיין נייעם טעסטאַמענט, אַז אַלע זאָלן אים נאָכטון. איך האָב געטאָן נישט מער, ווי די הייליגע שריפט הייסט צו טון. אַריבער צוואַנציג יאָר האָב איך געהאַלטן אין שטענדיג לייענען די ביבל און האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס יידישע גלויבן, וואָס מוז בלייבן אומפאַרענדערט, איז דאָס אמתע גלויבן. איך זאָג אָבער גאָר ניט, אַז דאָס קריסטליכע גלויבן פירט אין גיהנום אַריין. איך האָב דערפון פיל מאָל גערעדט מיט די גייסטליכע. דערהויפּט נאָך, וואָס זיי האָבן געוואוסט, אַז נאָך פאַר מיין באַשניידונג, האָב

איך געצווינגן צום יידנטום און האָב אָפּגעריכט פאַרשיידענע יידישע מנהגים, האָבן זיי זיך פאַר מיר אָפּט גענומען און געפּרובט מיר איבעררעדן. איך האָב אָבער געהאַלטן זייער אָפּענטפער פאַר ניט ריכטיג און ס'איז באַ מיר געבליבן צו ווערן אַן אמתער ייד מיט דער באַשניידונג.

איך האָב קיין חרטה ניט, וואָס איך האָב דאָס געטאָן, און אַזויווי יערער מענש מוז האָבן זיין געוויסנפרייהייט, און איך האָב קיינעם אין לאַנד קיין שלעכטס ניט געטאָן און וועל זיך ווייטער ניט פאַרזינדיגן קעגן דעם קיניג און קעגן די מאַכטהאָבער, איז פאַרהאָן איך, אַז איך וועל בלייבן אָהן אַ שטראָף.

---

# באַריכט פון דער איבערשלעזישער איבעראמטסרעגירונג.

## אַלערדורכלויכטיגסטער, גרויסמעכטיגסטער קיניג! אַלערגנעדיגסטער קיניג און האַר!

אין בריג, דעם 28 נאָוועמבער 1785 בעט די איבערשלעזישע איבעראַמטס־רעגירונג אַן אַלערגנעדיגסטן באַפעל אין א באַזונדער פאַל וועגן דעם איבערגאַנג פון קריסטנטום צו יידנטום.

פאַר איינגע וואָכן האָט דער אונטערגעאָררנעטער באַאַמטער קאָססמעלי אין פלעס אונז מיטגעטיילט, אַז יאָזעף סטעבליצקי, דער ראָטמאַן פונם שטעטל ניקאָלאַאי, איז איבערגעגאַנגען צום יידנטום און האָט אָנגעגעבן צו באַשטראָפן אים. פון איין זייט קאָנען מיר ניט אַוועקמאַכן די אַלגעמיין אָנערקענטע גלויבנספרייהייט, אָבער פון דער אַנדערער זייט זיינען מיר ניט אימשטאַנד, אָהן אַן אַלערהעכסטער דערלויבעניש, אָפּצוטרעטן פון די גילטיגע געזעצן, וואָרום לויט דעם יאָזעפינישן קרימינעלגעזעץ, וואָס גילט אין שלעזיע, דאַרף אַזאַ אָפּפאַל, אויב ער איז

ווירקליך באַוויזן, באַשטראָפט ווערן מיט לעבן־און לייב־
שטראָף. מיר קאָנען דאָס ניט טון נאָך דערפאַר, וואָס די
גלויבנסטאָלעראַנץ פון איצטיגער צייט האָט, זעהט אויס,
גיכער באַזייטיגט דעם פאַרברעך פון אַפּיקורסות, איידער
דעם פאַרברעך פון אָפּפאַלן פון קריסטנטום צו יידנטום.
אַזאַ אָפּפאַל רירט אויך צו פיל אָן די בירגערליכע
שטעלונג פונם אָפּגעפאַלענעם, אַז די מלוכה זאָל דאַ־
רויף ניט רעאַגירן. דאָס אין זינען געהאַט, האָבן מיר
געהייסן דעם ה׳ קאָסמעלי בלויז אויסצופאָרשן דערוועגן
די ריכטיגקייט פון זיין מיטטיילונג און האָבן אים אויך
אָנגעוויזן, ער זאָל דערגיין ניט בלויז די ראָליע, וואָס
אָרטיגע יידן האָבן געקאָנט שפּילן בײַ דעם דאָזיגן צופאַל,
נאָר דעם אייגנטליכן געמיט־צושטאַנד פונם אָנגעקלאָגטן
אויך. פון דער אויספאָרשונג איז צו זעהן, אַז די
ערשטע מיטטיילונג איז ווירקליך ריכטיג: דער אָפּגע־
פאַלענער האָט אַ פעסטן ווילן צו בלייבן אַ ייד, און
אין זיין געמיט־צושטאַנד געפינען מיר ניט, ניט קיין
צעמישונג, ניט קיין משוגעת, כאָטש דער קרייזראָקטאָר
איז וועגן דעם עטוואָס אַן אַנדער מיינונג, וואָרום די
דערציילונג פונם דאָזיגן מאַן איז זעהר צו דער זאַך,
זיינע ענטפערן אויף די פראַגן זיינען זעהר פאַסיגע, און
אַ קרומע פאָרשטעלונג אָדער אַן אומריכטיגע איבער־
צייגונג אין גלויבנסזאַכן קאָן מען פאַר קיין פאַל ניט
האַלטן פאַר קיין משוגעת. די דאָרטיגע יידן לאָזן זיך
ניט באַשולדיגן אין אָפּרייזן אים אָדער ווירקן אויף אים,
און די פאַמיליע, ווי אויך אַלע באַקאַנטע, האַלטן דעם
איצטיגן יידן יאָזעף סטעבליצקין פאַר אַ גוטן מענשן.

באַ אַזאַ לאַגע, און בפרט נאָך, אַז די האַרטקייט פונם אַלטן געזעץ וואָלט מען געווים געראַפט מילדערן, זעהען מיר פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג ניט, נאָר פירצובריינגען אייער מאַיעסטעט דעם ראָזיגן פאַל, דערלאַנגען אונטערטעניגסט קאָסמעלים אויספאָרשונגס־אַקטן אויף אייער באַראָט, ווי ווייט דעם אָנגעקלאָגטן זאָל געשיינקט ווערן סיי די ווייטערדיגע אויספאָרשונג, סיי די שטראָף, אָדער ס׳זאָל קענן אים פאַרפירט ווערן אַ פאָרמעלער פּראָצעס, אָדער ער זאָל נאָר אַרויסגעשיקט ווערן פון יענער געגנט אום אויסצומיידן אַלערליי קריינקונגען. וועגן דעם בעטן מיר אַן אַלערגנעדיגסטן באַפעל.

מיר בעטן אויך אַלעראונטערטעניגסט אומצוקערן די ביינעלעגטע אַקטן און בלייבן לעבנסלאַנג אין טיפסטער געהאָרכזאַמקייט.

אייער קיניגליכער מאַיעסטעט־אַלעראונטערטעניגסטע טרייפאָלגער, געשטעלט צו דער שלעזישער אויבער־אַמטס־רעגירונג, פרעזידענט און ראַטן

ווינדהיים. בייער. וועסטאַרפ. רייך.

## דעם קיניגס אורטייל

פון גאָטס גנאָר פרידריך, קיניג פון פרייסן א. אַז. וו.

צופריהער אונזער גנעריגער גרוס. וואוילגעבוירענע און הויכגעלערנטע ראַטן, ליבע, געטרייע. איר קריגט דאָ רערבײַ צוריק די צוגעשיקטע אויספאָרשונגס־אַקטן וועגן יאָזעף סטעבליצקי, איצט יאָזעף אברהם, וועגן זיין אָפּפאַלן צום יידנטום, און מיר ווילן ניט פאַרהאַלטן די רעזאָלוציע אויף דעם אָנפרעג, וואָס דאָרט שטייט: אַ ווייטערדיגע אויספאָרשונג און באַשטראָפן איז ניט נויטיג. די פראַגע אָבער, צי יאָזעף סטעבליצקי, אַלס אַ פאַרפירטער ייד, זאָל מעגן ווייטער בלייבן אויפן אָרט, וואו ער האַלט זיך איצט אויף, מוזט איר לאָזן אויפן באַשייר פונם פינאַנצדעפּאַרטאַמענט.

מיר זיינען צו אייך מיט גנאָר.

בערלין, דעם 12 דעצעמבער 1785.

פ. געריקע, דער מיטאַרויסגעבער פון דער „בערלי־נישער מאָנאַטסשריפט“, וואָס האָט פאַרעפנטליכט דאָס יאָר 1786 די געריכטליכע פראָטאָקאָלן פונם דאָזיגן רעליגיעזן פּראָצעס, וואָס מ׳האָט פון אים דע־

מאָלט אַ סך גערעדט, איז שטאַרק אַנטציקט פונם קינינגס באַשייד: „שעץ זיך גליקליך, גוטער סטעבליצקי, וואָס דו לעבסט אין דער מלוכה פון פרידריך דעם איינציגן. זיין הויפּטזאַץ: ,באַ מיר קאָן יעדערער גלויבן, ווי ער וויל, זאָל ער נאָר זיין ערליך׳ איז נאָך ניט אָנ־גענומען באַ אַלע רעגירונגען, כאָטש ער האָט דאָס זיכער פאַרדינט. אין אַ גרויסן טייל לענדער איז נאָך אַלץ אַ פאַרברעך צו זיין אַ ייד, בפרט נאָך צו ווערן אַ ייד. קיין פאַרשטאַנדיגער מענש וועט זיך ניט זאָרגן, טאָמער איז סטעבליצקיס נישט־באַשטראָפט ווערן גע־פערליך, און אַ סך אַנדערע וועלן אים נאָכטון. און אויב לאַנג נאָך וועט אַ געטויפטער ייד ליבער זיין אַ גרויסער צאָל מענשן, איידער אַ באַשניטענער קריסט, מוז דאָס דאָך קומען דערצו, אַז דער ייד זאָל ניט זיין מינדערווערטיג, ווי די באַשניטענע גאָלדשטיק, בלויז דערפאַר, וואָס ער איז באַשניטן“.

## נאָכוואָרט

יאָזעף אברהם האָט געקריגן אַ שוצבריף אַלס ייד און האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן אין זאָראַאו בײַ זיין קאַטויליש געבליבענעם זון אין הויז צוזאַמען מיט זיין פרוי, וואָס איז אויך געבליבן בײַם קריסטליכן גלויבן.

מער פאַר אַלץ האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען יידישקייט, מיט זאָגן תהלים, וואָס ער פלעגט אָפּריכטן מיט אַ פּירל־צושפּיל. לייבל שינדלער, אַן אַלטער מיט־בירגער סטעבליצקיס, דערציילט, אַז ווען די שטאָט איז אָפּגעברענט געוואָרן, איז דאָס הויז, וואו סטעבליצקי האָט געוואוינט, געבליבן גאַנץ.

יאָזעף אברהם איז געשטאָרבן שבת דעם 16 מאַי 1807, 73 יאָר אַלט. מ'האָט אים באַגראָבן אין ניקאָלאַאי, אויף זיין מצבה שטייט אַזוי:

„דאָ רוהט דער גר צדק יוסף, אַ זון פון אונזער פאָטער אברהם, זכר צדיק לברכה, וואָס האָט מקריב געווען לייב און זעעל אַרונטערצוקומען אונטער די פליגל פון דער שכינה און האָט מקדש השם געווען צו שטרייטן אין קאַמף פאַר דעם אייביגן, צו באַפעסטיגן אונזער

געזעץ און אונזער גלויבן. ער איז געשטאָרבן שבת, ח׳ אייר תקנ״ז לפ״ק. תהי נפשו צרורה בצרור החיים (זאָל זיין זעעל פאַרבונדן זיין אין בונד פון לעבן)״.

זאָראַאוער יידן האָבן טייער געהאַלטן דעם אָנדיינק פונם באַהאַרצטן גלויבנסהעלד, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיין גלויבן, געטריבן דערצו פון אַן אינעווייניגסטער באַדערפעניש. מ׳האָט אים געגעבן דעם טיטל „מורנו״, און ביז היינט נאָך דערמאָנט מען זיין נאָמען באַ הזכרת נשמות באַלד נאָך די רבנים, פאַר אַנדערע קהלה־גלידער.

---

## פאַראָרדענונג פון דער ברעסלער רעגירונג

ברעסלוי, 2 אויגוסט 1786

צו דעם קרינגס־און שטייעררראַט פון וואַלשפּעק וועגן סטעבליצקין, וואָס איז איבערגעגאַנגען צום יירנטום.

„באַ די אומשטאַנדן, וואָס איר ווייזט אָן אין אייער דערצו געהעריגן באַריכט פונם 24 יוני, קאָן מען דער־לויבן סטעבליצקין, וואָס איז, זעהט אויס, געריוט פון זינען און איז איבערגעגאַנגען צום יירנטום, זיך אויפ־צוהאַלטן דאָ. אין דעם זין דאַרפט איר אינסטרואירן דעם דאָרטיגן מאַגיסטראַט".

---

די „שלעזישע פּראָווינציאַלבלעטער", אַרויסגעגעבן פון שטרייטונגר ציממערמאַן, — בכן אַ קריסטליך בלאַט, — האָט זיך אַזוי אָפּגערופן אויף סטעבליצקים טויט, וואָס באַם לעבן איז ער, לויט זייערע באַגריפן, געווים אָפּ־געפאַלן פונם אמתן גלויבן: „דעם דאָזיגן מאַן האָט מען היינט באַגראָבן אויפן יידישן בית־עולם אין עלטער פון 73 יאָר. אים האָבן באַוויינט און באַטרויערט אַ סך מענשן, וואָס, מיט זיין ערליך באַנעמען און שטיל ציכטיג

לעבן, איז ער ווי ליב און טייער געווען איצט אויך באַ דער נייער לאַגע, ווען ער האָט זיך באַשלאָסן אָנצונעמען דאָס יידישע גלויבן. ער איז געבליבן פעסט דערביי און האָט געלעבט מיט זיין קריסטליך־געבליבענער פרוי שטיל און פרידליך מיט איין זעעל. זי איז אים צו פריה אָפּגעשטאָרבן אַ יאָר פריהער. אין גרוב האָט ער מיט־גענומען אַ נאָמען פון אַ גוטן מענשן“.

---

Klal-Druckerei
Berlin.